*RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON*
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
493-9250

FREE RENDITION

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

By the Grace of G-d
28 Adar I, 5738
Brooklyn, N.Y.

To All Participants in the
Annual Governors' Dinner
Yeshiva Tomchei Tmimim Lubavitch
Montreal, Que.

Greeting and Blessing:

I was pleased to be informed of the forthcoming Annual Dinner, and may G-d grant that it be with much Hatzlocho in all respects.

Since the event is taking place on the eve of the 7th of Adar II, the date itself underscores a meaningful connection between this important event and the Leap Year in which it is taking place.

The essence of a Leap Year in our Jewish Calendar is that it makes up for the deficiency between the lunar years and the solar years. For, inasmuch as our Jewish Calendar is basically lunar, and the lunar year falls short of the solar year by about eleven days, the deficiency must be made good by the addition of an extra month (two months of Adar, instead of one) every two or three years, in order that our festivals should occur within their due seasons - Pesach in the spring; Succos in the autumn, etc., as required by the Torah.

However, as all matters in Torah ("Torah" meaning "instruction") instruct the Jew how to conduct himself in his daily life in keeping with his duties to G-d and man, so has the institution of the Leap Year an important practical instruction. It is, that if a person has fallen short of fulfilling his duties, or in fulfilling them to perfection, he should not fail to make up for the deficiency in full measure. Besides, it is surely self-evident that even if a person fulfilled his obligations perfectly in the past, that is no longer perfect enough for the present, since everything is relative, and a human being is expected to rise to higher levels of achievement as time progresses. And, needless to say, in implementing the lesson of the Leap Year, one does not depend on the moon and the sun (or any external forces of nature), but it is a matter of one's own will.

Especially keeping in mind the well-known teaching of my father-in-law of saintly memory that when a Jew firmly resolves to do a good thing - even if at that moment it seems overly ambitious - the Al-mighty opens up for him new channels and opportunities to fulfil it.

If the above is true in all matters of Torah and Mitzvos - how much more so in the area of Torah-true Chinuch, where, however much is accomplished, still more remains to be done. Particularly in the case of the outstanding Yeshiva Tomchei Tmimim Lubavitch in Montreal, and considering its specific character - as that of all Lubavitcher Yeshivoth - where the students are imbued with a profound awareness that they have a Divinely given mission in life to disseminate and strengthen Yiddishkeit everywhere, and actually do it with the utmost selflessness.

I am, therefore, fully confident that the Governors and all friends of the Yeshiva, whose support in the past has made everyone truly proud of the Yeshiva's exemplary achievements, will-in the spirit of the Leap Year-increase still more their support, in order to make up also for that which could have been achieved in a still larger measure in recent years - if the Yeshiva had had the extra financial means to do so.

May G-d help - and assuredly He will help - each and all of you to do the above with ~~with~~ joy and gladness of heart, especially since the Dinner is taking place in the month of Marbin b'simchah, when "joy should be on the increase." And may each and all of you, in the midst of all our people Israel, see the fulfilment of the words of the Megilah, "for the Jews there was light, joy, gladness, and honor" - in both the plain sense of these words as well as in their inner meaning, namely, "Light - this is Torah," etc.

With esteem and blessing for happy tidings
and for a joyous Purim,

/Signed: Menachem Schneerson /

**RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON**
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn, N. Y. 11213
493-9250

**מנחם מענדל שניאורסאהן**
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, כח' אדר א', ה'תשל"ח
ברוקלין, נ.י.

צו אלע אנטיילנעמער אין דער יערלעכער
מסיבה פון די "נציבי הישיבה" תומכי-
תמימים ליובאוויטש אין מאנטרעאל

ה' עליהם יחיו

שלום וברכה!

עס האט מיר געפרייט צו באקומען די ידיעה וועגן דער פארשטייענדער מסיבה, ויהי רצון אז עס זאל זיין מיט גרויס הצלחה אין אלע פרטים.

אזוי ווי ד׳ מסיבה קומט פאר אור ליום ה', ז' אדר ב', ווערט דערמיט אונטערשטראכן די פארבינדונג פון דער דאזיגער וויכטיגער געשעעניש מיט דעם עיבור-יאר, וואס דער ענין פון עיבור-יאר איז צו דערגענצן און אויסגלייכן די לבנה-יארן מיט די זון-יארן. ווארום וויבאלד אז די צייטרעכנונג בא אידן איז לויט דער לבנה, און דער לבנה-יאר בלייבט הינטערשטעליג מיט ארום עלף טעג לגבי דעם זון-יאר, מוז דער דאזיגער חסרון דערגענצט ווערן דורך א צוגאב-חודש אלע צוויי אדער דריי יאר, כדי די ימים טובים זאלן אויספאלן אין זייער פאסנדע תקופה פון יאר – פסח אין חודש האביב (פרילינג), סוכות אין הערבסט, וכו' – לויט די פארשריפטן פון דער תורה.

אבער אזוי ווי אלע ענינים אין תורה (מלשון הוראה, אפלערנונג) זיינען אנווייזונגען ווי א איד דארף זיך פירן אין טאג-טעגלעכן לעבן כדי צו דערפילן זיינע פליכטן צו ג-ט און צו לייטן, איז אויך אין דעם עיבור-יאר פאראן א הוראה, אז אויב מ'האט עפעס פארפעלט אין ענינים וואס מ'האט געדארפט דורכפירן, אדער אין דער שלימות פון די ענינים – און דאס איז דאך זיכער, אז אפילו די פריערדיגע שלימות איז ניט גענוג לגבי דעם איצטיגען מצב – דארף מען דאס ממלא זיין אין דער פולסטער מאס. און אין דעם איז מען דאך ניט אפהענגיג ניט פון דער לבנה און ניט פון דער זון – נאר פון זיך אליין,

בפרט לויט דעם באוואוסטן ווארט פון כ"ק מו"ח אדמו"ר: אז ווען א איד מאכט א פעסטן באשלוס צו טאן א גוטע זאך, אפילו ווען דאס שיינט צו זיין איבער זיינע כוחות אין יענעם מאמענט, עפנט דער אויבערשטער פאר עם נייע צנורות און מעגלעכקייטן דאס דורכצופירן.

אויב דאס איז אזוי אין אלע ענינים פון תורה און מצוות – על אחת כמה וכמה אין דעם געביט פון חינוך על טהרת הקודש, וואס וויפל מ'זאל טאן אין דעם בלייבט נאך אלץ זייער פיל אויפצוטאן. בפרט נעמענדיג אין אכט דעם אייגנארטיקן כאראקטער פון דער בארימטער ישיבה תומכי-תמימים ליובאוויטש אין מאנטרעאל, ווי פון אלע ליובאוויטשער ישיבות, וואו די תלמידים ווערן דערצויגן מיט דעם טיפן באוואוסטזיין, אז זיי האבן א ג-טלעכע לעבנס שליחות צו פארשפרייטן און פארשטארקען אידיש-קייט אומעטום, און טוען דאס מיט מסירת-נפש.

דעריבער בין איך שטארק אין דער האפנונג, אז די "נציבי הישיבה" און אלע אירע פריינד, א דאנק וועמען די ישיבה קען שטאלצירן מיט אירע גרויסע און מוסטערהאפטע דערגרייכונגען, וועלן זיי – אין גייסט פון דעם עיבור-יאר – פארגרעסערן נאך מער זייער הילף און שטיצע, כדי ממלא צו זיין אויך דאס וואס מ'האט געקענט אויפטאן נאך מער אין די לעצטע יארן ווען זי וואלט געהאט די נויטיגע געלט-מיטלען דערצו.

און השם יתברך זאל העלפן, און וועט זיכער העלפן, אז מ'זאל דאס טאן און אויפטאן בשמחה ובטוב לבב, בפרט אז די מסיבה קומט פאר אין דעם חודש פון "מרבין בשמחה", און עס זאל מקויים ווערן בא יעדן איינעם און איינע, בתוך כלל ישראל, "ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר", סיי אין איינפאכן זין און סיי אין דעם אינערלעכן זין פון "אורה – זו תורה" וכו'.

בכבוד ובברכה להצלחה
ולבשורות טובות און
א פריילעכן פורים